**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הויבט אן פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין צו מוטיגן סטודענטן צו אויספילן די FAFSA**

***קאלעדזש סטודענטן ביי SUNY, CUNY און אנדערע ניו יארקע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן טיילן מיט פערזענליכע פינאנציעלע הילף געשיכטעס און אפפערן שטיצע מיטן אויספילן די FAFSA***

***מיטגלידער פון די גאווערנער'ס אדמיניסטראציע און עדזשוקעישען פירער קומען ארויס מיט עפנטליכע מעסעדזשעס באטאנענדיג די וויכטיגקייט פון אפלייען פאר פינאנציעלע הילף – ווידעאוס פון סטודענטן און עפנטליכע מעסעדזשעס פארעפנטליכט [דא]()***

***גאווערנער האקול'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 ברייטערט אויס צוטריט צו פינאנציעלע הילף דורכן זיכער מאכן אז אלע סטודענטן פילן אויס די FAFSA און אויסברייטערן דעם שכר לימוד הילף פראגראם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנגעהויבן א פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין צוזאמען מיט קאלעדזש סטודענטן, אדמיניסטראציע בעאמטע און עדזשוקעישען פירער צו מוטיגן סטודענטן צו אויספילן די 'אומזיסטע אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף' (Free Application for Federal Student Aid, FAFSA) צו עפענען געלעגנהייטן צו באקומען סטעיט און פעדעראלע פינאנציעלע הילף. די וואך וועלן סטודענטן ביי די סטעיט אוניווערסיטעט ניו יארק (State University New York, SUNY) און סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) קאמפוסן און אזוי אויך ביי אנדערע ניו יארקע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן ארויסהעלפן מיט די פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין צו העלפן סטודענטן אויספילן די FAFSA. אין צוגאב וועלן פירער פון גאווערנער האקול'ס קאבינעט זיך באטייליגן מיט ווידעאו מעסעדזשעס וואס וועלן ארויפגעלייגט ווערן אויף סאָושעל מידיע און אלס מאטעריאלן פאר סקולס צו שיקן פאר סטודענטן. די ווידעאוס פון סטודענטן און די עפנטליכע מעסעדזשעס זענען פארעפנטליכט [דא](). די שטופ איז טייל פון דעם 'פינאנציעלע הילף אויפמערקזאמקייט חודש' וואס גאווערנער האקול האט אנגעהויבן אנהויב אפריל צו זיכער מאכן אז סטודענטן קענען צוקומען צו די כלים וואס זיי דארפן צו קענען גיין לערנען פאר א העכערע בילדונג.

"א העכערע בילדונג קען טויש מענטשן'ס לעבנס, און מיר ברייטערן אויס די וועג צו קאלעדזש פאר אלע ניו יארקע סטודענטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די וואך טוהען מיר מוטיגן יעדן סטודענט וואס ארבעט צו באקומען א קאלעדזש דעגרי צו אויספילן די FAFSA ווי נאר זיי קענען כדי צו צוקומען צו די פינאנציעלע שטיצע וואס איז דא צו באקומען פאר זיי."

"בילדונג דינט אלס די הויפט אויסגלייכנדע כוח אין אונזער געזעלשאפט", **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ געזאגט.** "איך בין שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול ביים מוטיגן אלע

צוקונפטיגע קאלעדזש סטודענטן צו אויספילן זייער FAFSA יעצט צו זיכער מאכן אז זיי האבן אפּאָרדעבעל צוטריט צו א העכערע בילדונג און א לעכטיגע צוקונפט."

פאריאר, ניו יארק'ס הויעך שולע סטודענטן האבן איבערגעלאזט איבער $200 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע הילף נישט געקלעימט דורך נישט אויספילן די FAFSA. אפשפיגלנדיג נייגונגען אריבער דאס לאנד, זענען די ראטעס פון אריינגעגעבענע FAFSA בויגנס אין ניו יארק סטעיט אראפ מיט 24 פראצענט אין פארגלייך צו די זעלבע צייט לעצטע יאר, אלס רעזולטאט פון פעדעראלע שוועריגקייטן און פארשפעטיגונגען ביים ארויסקומען מיט די נייע FAFSA בויגן. די FAFSA איז אומזיסט און עס עפנט די טיר צו פעדעראלע און סטעיט הילף, אריינרעכענענדיג דעם שכר לימוד הילף פראגראם און עקסעלסיאָר סקאלערשיפ און אזוי אויך אנדערע קאלעדזש פינאנצירונג הילף.

אין 2023 האט SUNY געעפנט די 'FAFSA אויספילן איינהייט' (FAFSA Completion Corps) צו העלפן צוקונפטיגע סטודענטן צו אויספילן די FAFSA. SUNY האט באקומען א כמעט $300,000 גרענט פון AmeriCorps צו ארויסקומען מיט די אינציאטיוו, און עס זענען יעצט דא נאענט צו 50 סטודענטן פארמישט דערין אריבער זיבן SUNY קאמפוסן. פריער דעם חודש איז האט CUNY געעפנט די CUNY פינאנציעלע הילף שטיצע מאנשאפט (Financial Aid Support Team, FAST) צו העלפן סטודענטן און פאמיליעס צוקומען צו פינאנציעלע הילף. סטודענטן וואס באטייליגן זיך אין SUNY's FAFSA אויספילן איינהייט און אין CUNY's FAST מאנשאפט פירן אן די FAFSA פארענדיגונג באמיאונגען אויף זייערע קאמפוסן און אויף סאָושעל מידיע צו אפפערן שטיצע און זיכער מאכן אז סטודענטן ווייסן וועלכע פינאנציעלע הילף איז דא צו באקומען פאר זיי. סטודענטן קענען פאַלאָוען די 'העשטעג' #FAFSAReady צו הערן פון יעצטיגע קאלעדזש סטודענטן איבער זייער ערפארונג מיט FAFSA.

אין צוגאב צו סטודענטן, שליסן זיך די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט (Higher Education Services Corporation, HESC), סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק ( State University of New York, SUNY), סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק ( City University of New York, CUNY) און אקאדעמישע און קאמיוניטי ארגאניזאציעס אין ניו יארק אן מיט די גאווערנער אין איר קאמפיין צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער נוצט אויס יעדע געלעגנהייט צו צוקומען צו פינאנצירונג פאר קאלעדזש.

יעדער אינסטיטוטיע גייט ווייער מיטן אפהאלטן מולטיפאלע געשעהנישן דעם מאנאט צו העלפן סטודענטן און זייער פאמיליעס ענדיגן די FASA אדער די חלום אקט, און טואישען הילף פראגראם ( Tuition Assistance Program, TAP) אפליקאציעס. געשעהנישן נעמען אריין אינפארמאטיווע סעסיעס אויף ווי אזוי אויצופילן פינאנציעלע הילף פלענער, ווירטועלע אריינפאלן געלעגענהייטן זיך צו פארבינדען מיט HESC, SUNY און CUNY עקספערטן און דיסקוסיעס איבער סקאלערשיפ געלעגענהייטן פאר סטודענטן. א פולע סקעדזשול פון געשעענישן קען געפונען ווערן דא.

אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט גאווערנער האקול פארזיכערט סעיפים צו העלפן אויסברייטערן צוטריט צו פינאנציעלע הילף. די אינציאטיוון רעכענען אריין צו זיכער מאכן אז אלע סטודענטן פילן אויס די FAFSA אין ניו יארק סטעיט און צו אויסברייטערן TAP. די TAP אויסברייטערונג העכערט די מינימאלע סומע פון $500 צו $1,000. אין צוגאב העכערט די בודזשעט די מאקסימום פון די 'נעט' איינקונפט וואס איז 'טעקסעבעל' (net taxable income, NTI) און נאכאלץ קענען זיין בארעכטיגט פאר TAP פאר א סטודענט וואס איז אנגעוויזן אויף אנדערע ('דיפענדענט') פון $80,000 צו $125,000; פאר א זעלבסטשטענדיגער פארהייראטער סטודענט — פון $40,000 צו $60,000; און פאר א זעלבסטשטענדיגער נישט פארהייראטער סטודענט — פון $10,000 צו $30,000.

**סטעיט עדזשוּקעישען דעפּאַרטמענט קאָמישאַנער, בעטי א. ראָזע, האָט געזאָגט,** "די FAFSA איז אן אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון א סטודענט וואס וועט עפענען טויערן צו געלעגנהייטן. דורכן אויספילן די FAFSA, שפּאָרן סטודענטן אויף צוטריט צו פינאנציעלע הילף וואס קען מאכן א העכערע בילדונג מער אפאָרדעבעל און ערגרייכבאר. איך מוטיג אלע ניו יארקע סטודענטן און פאמיליעס צו אויסנוצן די געלעגנהייט צו אויספלאסטערן אייער וועג צו הצלחה דורכן אויספילן און אריינגעבן אייער FAFSA נאך היינט."

**SUNY טשענסעלאר, דזשאן ב. קינג דזשוּניאָר, האָט געזאָגט,** "עס איז דא א פלאץ אין SUNY פאר יעדער ניו יארקער, און צוטריט צו פינאנציעלע הילף איז קריטיש צו העלפן סטודענטן ערגרייכן זייערע קאלעדזש חלומות. אריבער ניו יארק סטעיט, טוהען SUNY און אונזערע שותפים אין העכערע בילדונג שטאלצערהייט זיך צוזאמקומען מיט גאווערנער האָקול צו זיכער מאכן אז יעדער איינציגער היי סקול שילער די לעצטע יאר פון סקול – און אזוי אויך יעדער צוקונפטיגער און צוריקקומענדער קאלעדזש סטודענט – ווייסט אז עס איז דא פעדעראלע און ניו יארק סטעיט שכר לימוד הילף צו באקומען און אז אויספילן די FAFSA איז די שליסל צו באקומען צוטריט צו די פינאנצירונג. SUNY קאמפוסן און אונזערע SUNY FAFSA אויספילן איינהייטן שטעלן צו הילף פנים אל פנים און פונדערווייטנס דורכאויס דעם פרילינג, און מיר וועלן פארזעצן די ארבעט."

**CUNY טשענסעלאר, פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז, האָט געזאָגט,** "יעדעס יאר לאזן ניו יארקער איבער געלט פאר קאלעדזש אויפן טיש ווייל זיי האבן נישט אויסגעפילט פינאנציעלע הילף בויגנס. מיר ווייסן אז דאס יאר איז געווען אפילו שווערער צו אויספילן די פעדעראלע בויגנס צוליב טעכנישע פראבלעמען און פארשפעטיגונגען. CUNY מוטיגט אלע פאמיליעס צו זיין עקשנות'דיג און אויספילן די FAFSA. CUNY איז דא זיי צו העלפן דורכשוויצן סיי וועלכע פראבלעמען. מיר באדאנקען גאווערנער האָקול פאר איר פארפליכטונג צו העכערע בילדונג און צו אונזערע סטודענט פארטרעטער וועלכע פארשפרייטן די ידיעה פאר צוקונפטיגע און צוריקקומענדע סטודענטן צו אויספילן די בויגנס. מיר האבן נישט קיין בעסערע שליחים ווי אונזערע סטודענטן איבער די ווירדע פון קאלעדזש און עקשנות."

**ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעישאן פרעזידענט, דר. גיערמאָ לינעירס, האָט געזאָגט,** "די באדייטנדע פארבעסערונגען צו דעם שכר לימוד הילף פראגראם ( Tuition Assistance Program, TAP), אריינרעכענענדיג אויסגעברייטערטע בארעכטיגונג און העכערע סומעס, זענען א היסטארישע טויש אין אונזער צוגאנג צו שטיצן ניו יארקע סטודענטן. דורכן לייגן א דגש אויף דאס אויספילן די FAFSA און TAP אפליקאציע, טוהען מיר נישט נאר עפענען קריטישע פינאנצירונג פאר סטודענטן, נאר מיר טוהען אויך אויספלאסטערן די וועג צו א מער אינקלוסיווע און בליהענדע צוקונפט. איך בין טיף דאנקבאר פאר גאווערנער האָקול'ס פירערשאפט און די לעגיסלאטור'ס שטיצע ביים אנערקענען די וויכטיגקייט פון די מאסנאמען. אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען וועלן זיכער מאכן אז פיל מער סטודענטן וועלן האבן די נויטיגע מיטלען צו קענען נאכגיין און ערגרייכן זייערע אקאדעמישע ציהלן."

**סטעיט סענאטארשע טאָובי ען סטאַוויסקי האָט געזאָגט,** "FAFSA ווערט נישט אויסגענוצט דורך טויזנטע היי סקול שילער אין די לעצטע יאר פון סקול וועלכע ווייסן נישט אז זיי זענען בארעכטיגט פאר סטודענט הילף. די קאמפיין איז א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון לאזן וויסן פאר סטודענטן כדי מער פאטענציאלע קאלעדזש סטודענטן זאלן אויספילן די FAFSA בויגן און פארזעצן זייער בילדונג רייזע און פארבעסערן זייער וועג צו א קאריערע."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האָט געזאָגט,** "לעצטע יאר האבן ניו יארקע סטודענטן איבערגעלאזט מער פון 200 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע סטודענט הילף אויפן טיש — עכטע געלטער וואס וואלטן געקענט מאכן די חלום פון א העכערע בילדונג פאר א מעגליכקייט פאר טויזנטע סטודענטן. איך וויל מוטיגן אלע ניו יארקע סטודענטן דאס יאר צו אויספילן די FAFSA און אויסנוצן די הילף וואס איז

דא צו באקומען — הילף וואס איר קענט נאר אויסנוצן אויב איר אפּלייט דערפאר. איך בין באגייסטערט ביז גאר אז מיר נעמען אונטער שריט אין די היי-יאריגע בודזשעט צו זיכער מאכן אז גייענדיג אויף פאראויס, פארפאסט נישט קיין איין ניו יארקער סטודענט די פינאנציעלע געלעגנהייטן. עס איז קריטיש יעצט מער פון סיי ווען בעפאר אז מיר זאלן אדרעסירן קאלעדזש אפארדעביליטי, ווען 70% פון סטודענטן דערמאנען דאס אלס א גרויסע שטער צו באקומען א העכערע בילדונג, און איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן דאס מאכן פאר א הויפט פריאריטעט."

**SUNY אָלד וועסטבורי סטודענט און SUNY FAFSA' אויספילן איינהייט' מיטגליד, נאהיאן איסלאם, האט געזאגט,** "קומענדיג פון א פאמיליע פון ערשטע-דור אימיגראנטן, איז דאס אויספילן די FAFSA געווען וועזנטליך פאר מיר, אבער שווער פאר מיין פאמיליע זיך אן עצה צו גיבן דערמיט. מיין עלטערע שוועסטער האט צום ערשט נישט געגאנגען לערנען פאר א דעגרי צוליב זארגן איבערן דארפן באצאלן אינגאנצן פון איר אייגענע טאש, ווייל זי האט נישט געוואוסט וועלכע הילף איז דא צו באקומען. צוקומען צו פינאנציעלע הילף איז געווען אזוי וויכטיג פאר מיין פאמיליע, און דאס איז די סיבה פארוואס אלס א מיטגליד פון די SUNY FAFSA' אויספילן איינהייט', האב איך א שטארקע געפיהל צו ארויסהעלפן סטודענטן באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען ארבעטן פאר- און פארענדיגן זייערע דעגריס."

**דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש סטודענט און SUNY FAFSA' אויספילן איינהייט' מיטגלידערין, מאריסע סניידער, האט געזאגט,** "צוקומען צו פינאנציעלע הילף איז געווען וועזנטליך צו קענען ארבעטן צו באקומען א בילדונג פון א הויכע קוואליטעט נאענט אהיים אין מערב ניו יארק. איך בין געווען מזל'דיג אז מיין עלטערע שוועסטער איז אריבער דעם FAFSA אויספילן פראצעדור פאר מיך, און אזוי האב איך בעסער פארשטאנען וואס פעהלט אויס פאר מיר צו טוהן צו באקומען שטיצע פאר סקול. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב זיך אנגעשלאסן אין די SUNY FAFSA' אויספילן איינהייט', צו העלפן צוקונפטיגע סטודענטן אויספילן די אפליקאציע און באקומען די דעגרי פראגראמען וואס וועלן זיי העלפן פארוואנדלען זייערע חלומות צו ווערן לעבנסלענגליכע קאריערעס."

ניו יארק סטעיט ארבעט צו פארבעסערן די FAFSA ענדיגען סטאטיסטיקס דורך טרעינירן קאלעדזש סטודענטן צוצושטעלן אין-פערזאן הילף מיט די פינאנציעלע הילף אפליקאציע פראצעס.

SUNY און CUNY האבן גענומען עטליכע שריט צו העלפן סטודענטן און זייערע פאמיליעס ביים אפּלייען פאר פינאנציעלע הילף צו מאכן קאלעדזש מער אפאָרדעבעל, אריינרעכענענדיג:

- אפשטופן דעדליינס פאר דעפאזיטס ביי סטעיט אנגעפירטע קאמפוסן צו נישט פאר מאי 15 און יוני 1 פאר טאג פון פארפליכטונג (קאמיטמענט) ביי CUNY קאמפוסן, כדי פאמיליעס זאלן האבן צייט צו מאכן א קלוגע באשלוס איבער זייערע פינאציעלע הילף אפפערס
- FASA אינפארמאציע סעסיעס איבער די סטעיט, אריינגערעכנט FAFSA ענדיגן געשעהענישן אין ראטשעסטער, באפעלא, יאנקערס און ניו יארק סיטי.
- ווירטואלע FAFSA ענדיגן ווארקשאפּס, געהאלטן אין ענגליש און ספאניש צו העלפן פאמיליעס ענדיגן די FAFSA
- ארבעטן מיט סטעיט שותפים צו אנטוויקלען און שטופן אנליין מאטעריאלן, אריינרעכענענדיג מאטעריאלן וואס זענען גרייט צו געדרוקט ווערן, פאר קאונסעלארס און סטודענטן זיי צו העלפן ווייזן די וועג איבער דעם פינאנציעלע הילף פראצעדור; און
- די עפענונג פון די SUNY FAFSA' אויספילן איינהייט', א פראגראם פינאנצירט דורך AmeriCorps וואס שטיצט נאענט צו 50 סטודענטן וואס דינען אלס מדריכים פאר אנדערע סטודענטן צו אויספילן די FAFSA.

- די עפענונג פון די CUNY פינאנציעלע הילף שטיצע מאנשאפט ( Financial Aid Support Team, FAST) פריער דעם חודש צו העלפן 100,000 סטודענטן אויספילן די FAFSA. די פעטריע פאונדעישען האט געשאנקן CUNY $1 מיליאן דאלאר פאר דעם אינצאטיוו.
- העלפן היי סקול שילער אין זייער לעצטע יאר אויספילן FAFSA בויגנס דורך CUNY'ס K16 איניציאטיוון קאלעדזש און קאריערע ייעוץ פראגראמען
- CUNY האט געשיקט אימעילס צו יעצטיגע CUNY סטודענטן און הערבסט 24 אפליקאנטן איבער טוישונגען צו די פארם און ארויסגעשטעלט א סאושעל מידיע קאמפיין. די יוניווערזיטעט וועט אויך האלטן FAFSA ענדיגן ווארקשאפס מיט אדמיסיעס. זעהט דאטומען פון ווארקשאפס אנליין.
- CUNY קאמפוסעס האבן פארמערט פינאנציעלע הילף ווארקשאפס און ענדיגן געשעהנישן א גאנצע פרילינג און האבן אויסגענוצט פעדעראלע ארבעט שטודיר געלטער בשותפות מיט די נאציאנאלע שותפות פאר סטודענטן סוקסעס איפצונעמען סטודענטן צו שטיצן פינאנציעלע הילף אפיסעס. די יוניווערזיטעט וועט אויך האלטן FAFSA ענדיגן ווארקשאפס מיט אדמיסיעס. ווארקשאפ דאטומען וועלן פארעפנטליכט ווערן דא.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וועלכע פייערט זיין 75'טן יערטאג דעם יאר, איז די גרעסטע פולשטענדיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארק'ערס וואוינען אינערהאלב 30 מיילן פון איינע פון די SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט' צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פירט איין US דעפארטמענט אוו ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2023, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

**איבער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז די לאנד'ס-גרעסטע שטאטישע פובליק אוניווערסיטעט, א טראנספארמאטיווע טרייב קראפט פאר די מעגליכקייט פון מענטשן צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליכע שטאנד וואס איז א קריטישע באשטאנדטייל פון די בלוט אין די אדערן פון ניו יארק סיטי. CUNY איז געגרונדעט געווארן אין 1847 אלץ די לאנד'ס ערשטע פרייע פובליק מוסד פאר העכערע בילדונג, און עס האט היינט זיבן קאמיוניטי קאלעדזשעס, 11 סיניאָר קאלעדזשעס און זיבן פראפעסיאנעלע אינסטיטוציעס אדער אזעלכע וועלכע גיבן העכערע דעגריס פארשפרייט איבער ניו יארק סיטי'ס פינף בעראוס, דינענדיג מער פון 225,000 בעטשעלאר און מעסטערס דעגרי סטודענטן און פארטיילנדיג 50,000 דעגריס יעדעס יאר. CUNY'ס געמיש פון קוואליטעט און אפארדעביליטי טרייבט ארויף כמעט זעקס מאל אזוי סאך סטודענטן מיט נידעריגע איינקונפט ארויף צו די מיטעלע קלאס און העכער מער פון אלע 'אייווי ליגע' קאלעדזשעס צוזאמען. מער פון 80 פראצענט פון די אוניווערסיטעט'ס גראדואירטע בלייבן אין ניו יארק, ביישטייערנדיג צו יעדע געביט פון די סיטי'ס עקאנאמישע, בירגערליכע און קולטורישע לעבן, און זיי מאכן די סיטי'ס ארבעטסקראפט מער פארשידנארטיג אין יעדע אינדוסטריע. CUNY'ס גראדואירטע און איינגעשטעלטע האבן באקומען פילע אנגעזעהענע באעהרונגען, אריינרעכענענדיג 13 נאבעל פרייזעס און 26 מעקארטור "דזשיניוס" גרענטס. די אוניווערסיטעט'ס

היסטארישע מיסיע זעצט פאר ביזן היינטיגן טאג: צו צושטעלן א פובליק בילדונג פון די העכסטע סטאנדארט פאר אלע סטודענטן, אפגעזעהן פון זייערע מיטלען אדער הונטערגרונט. צו לערנען מער איבער CUNY, באזוכט www.cuny.edu.

**איבער די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט**
די העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט (Higher Education Services Corporation, HESC) איז ניו יארק סטעיט'ס אגענטור פאר פינאנציעלע הילף פאר סטודענטן און איז א נאציאנאלע פירער מיטן צושטעלן נויט-באזירטע גרענט און סקאלערשיפ געלטער פאר סטודענטן וואס גייען אין קאלעדזש. אין די הארץ פון HESC זענען דא מער פון צוואנציג גרענט, סקאלערשיפ און הלוואה פארגעבונג פראגראמען, אריינרעכענענדיג דעם NYS שכר לימוד הילף פראגראם (Tuition Assistance Program, TAP) און די עקסעלסיאָר סקאלערשיפ. HESC ברענגט קאלעדזש צו ווערן א מעגליכקייט פאר הונדערטע טויזנטע ניו יארקער יעדעס יאר דורך פראגראמען פון די סארט און דורך הדרכה וואס עס גיבט פאר סטודענטן, פאמיליעס און קאונסעלארס. HESC העלפט מער פון 300,000 סטודענטן צו עררייכן זייערע קאלעדזש טרוימען יעדעס יאר דורכן צושטעלן מער פון 800 מיליאן דאלאר אין גרענטס, סקאלערשיפ און הלוואה פארגעבונג בענעפיטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן